# מיגראנטן אריבערציאונג הילף פראגראם (MRAP)
# רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן פון באטייליגטע

## אריינפיר

MRAP שטעלט צו שטיצע פאר מענטשן וואס ציהען זיך אריבער פון זייער פרייע ווילן פון ניו יארק סיטי צו אנדערע קאונטיס אין ניו יארק סטעיט וועלכע האבן צוגעשטימט צו צושטעלן אריבערציאונג סערוויסעס. באטייליגונג אין MRAP איז פרייוויליג. איר ווערט פאררעכנט אלץ א MRAP באטייליגטער נאך איר באשטעטיגט אז איר זענט אינטערעסירט זיך אריבערצוציהען; און איר זענט באשטימט געווארן צו זיין בארעכטיגט דורך א סערוויס פראָווײַדער וואס איז דעזיגנירט געווארן צו מאכן באשטימונגען דורך די היימלאנד סערוויסעס דעפארטמענט (Department of Homeless Services, DHS) אדער דורך די אפיס פון ציטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA); און איר זענט מסכים זיך צו באטייליגן אין דעם פראגראם; און איר שרייבט אונטער א צושטימונג בויגן.

ביים אנקום צו די באטייליגטע קאונטי וואס איר וועהלט אויס וועט איר איינגעשריבן ווערן אין MRAP דורך די MRAP סערוויס פראָווײַדער — א קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציע. MRAP שטיצע און סערוויסעס זענען דא צו באקומען פאר אייך און פאר אייער פאמיליע פאר ביז איין יאר. די MRAP סערוויס פראָווײַדער וועט אייך גיבן הילף מיט ממשיות'דיגע באדערפענישן און מיט שטיצע סערוויסעס צו העלפן אייך און אייער פאמיליע האבן די בעסטע טשאנס וואס איז נאר מעגליך צו קענען אנקומען צו ווערן זעלבסטשטענדיג און זיך איינגלידערן אין אייער נייע קאמיוניטי. איר און אייער פאמיליע מוזן אויך שפילן אן אקטיווע ראלע דורכן קאאפערירן מיט די סערוויס פראָווײַדער. אויב איר אדער סיי וועלכע ערוואקסענע אין אייער פאמיליע זענען אויטאריזירט און אומשטאנד צו ארבעטן, וועט איר געהאלפן ווערן מיטן טרעפן א פאסיגע דזשאב, און איר וועט דארפן ביישטייערן צו אייער פאמיליע'ס אויסגאבן.

די MRAP סערוויס פראָווײַדער וועט אייך העלפן מיט אפליקאציעס און בריוון פון די פאראייניגטע שטאטן היימלאנד זיכערהייט דעפארטמענט (United States Department of Homeland Security, USDHS) אדער פון די עקזעקיוטיוו אפיס פאר אימיגראציע איבערזיכט (Executive Office for Immigration Review, EOIR) און אזוי אויך מיט טראנספארטאציע צו אנקומען פון און צו USDHS אדער EOIR אפוינטמענטס. אויב נויטיג וועט די סערוויס פראָווײַדער אייך שיקן צו א לויער אדער א לעגאלע סערוויסעס פראָווײַדער אין אייער נייע קאמיוניטי.

די רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן פון MRAP באטייליגטע זענען אויסגערעכנט אויף די קומענדיגע בלעטער. נישט ערפילן סיי וועלכע פון די פאראנטווארטליכקייטן וועט מעגליך פירן דערצו אז אייער באטייליגונג אין דעם פראגראם זאל אפגעשטעלט ווערן.

## רעכטן פון MRAP באטייליגטע

1. די MRAP סערוויס פּראָווײדער אין די קאונטי וואו איר ציהט זיך אריבער מוז זיך טרעפן מיט אייך ווי נאר איר קומט אן און אייך צושטעלן טראנספארטאציע צו א געדינגענע הויז מיט די וויכטיגע אויסשטאטונגען און אזוי אויך דארפן זיי אייך צושטעלן סערוויסעס אדער אייך ווייטער שיקן צו באקומען אנדערע סארטן הילף כדי צו ערפילן אייערע באלדיגע באדערפענישן, צום ביישפיל קולטוריש-צוגעפאסטע גרייטע עסנווארג; קליידונג וואס איז פאסיג פאר דעם סעזאן; מעדיצינישע קעיר; און פינאנציעלע הילף.

2. נאך איר ציהט זיך אריבער וועט איר קענען באקומען די פאלגנדע הילף אין די קאונטי וואס נעמט אייך אויף פאר ביז איין יאר, חוץ אויב אייער סערוויס תקופה ווערט פארלענגערט:

   - פינאנציעלע הילף
   - הילף מיט ממשיות'דיגע באדערפענישן ווי:
     - עסנווארג און מיטלען צו קענען איינקויפן עסנווארג
     - נויטיגע קליידונג
     - אנדערע געברויכן
   - שטיצע סערוויסעס ווי:
     - הילף מיטן אפלייען פאר סאָושעל סעקיוריטי קארטלעך
     - באקומען געזונטהייט אונטערזוכונגען
     - צוקומען צו אנדערע נויטיגע געזונטהייט און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס
     - פארשאפן פאסיגע בענעפיטן
     - אנדערע סאָושעל סערוויסעס
     - ענגלישע שפראך קלאסן
     - איינשרייבן אייערע קינדער אין סקול
     - איינשרייבן אין באשעפטיגונג סערוויסעס*
     - טראנספארטאציע צו דזשאב אינטערוויוס*
     - דזשאב טרעינירונג*

** ווערן איינגעשריבן אין באשעפטיגונג סערוויסעס, טראנספארטאציע צו דזשאב אינטערוויוס און דזשאב טרעינירונג קענען זיך ווענדן אויף אויב איר זענט אויטאריזירט געווארן צו ארבעטן אין די פאראייניגטע שטאטן.*

3. איר האט די רעכט צו א זיכערע און ריינע הויז פאר א צוגענגליכע פרייז דורכאויס אייער באטייליגונג אין MRAP.

4. איר האט די רעכט צו באקומען MRAP אינפארמאציע און סערוויסעס אין די שפראך וואס איר וועהלט אויס, נוצנדיג דאלמעטשער/איבערזעצונג סערוויסעס צוגעשטעלט דורך די MRAP סערוויס פּראָווײדער.

5. איר האט די רעכט צו געשיקט ווערן צו און אנערקענטע לעגאלע סערוויסעס פּראָווײדער אייך צו העלפן מיט אייער אימיגראציע און/אדער סיי וועלכע אנדערע לעגאלע אנגעלעגנהייטן אויב נויטיג.

6. די מאס און סארט MRAP הילף וואס איר באקומט ווערט באשטימט דורך די MRAP סערוויס פּראָווײדער און איז באזירט אויף אייער פאמיליע'ס אייגנארטיגע אומשטענדן און אויף די אינפארמאציע וואס איר גיבט איבער.

7. איר האט די רעכט צו באקומען די הילף פון MRAP סערוויס פּראָווײדער ביים באקומען וויכטיגע דאקומענטן און אינפארמאציע איבער אייך און איבער אייער פאמיליע וואס וועט אייך העלפן ווערן זעלבסטשטענדיג און פארזיכערן אייער עקאנאמישע צושטאנד.

8. איר האט די רעכט צו באקומען סערוויסעס אן דיסקרימינאציע צוליב ראסע, הויט קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, דיסאביליטי, עלטער, זיין א זכר אדער נקבה, רעליגיע, פאליטישע גלויבונגען, דזשענדער אידענטיטעט, זיין טראנסדזשענדער, האבן דזשענדער דיספאָריע, סעקסועלע אריענטאציע, יא אדער נישט זיין פארהייראט און צוליבן זיין אין די מיליטער, און אזוי אויך צו באקומען די סערוויסעס אן דעם וואס איר זאלט באשטראפט ווערן אדער נקמה גענומען ווערן פאר פאריגע אקטיוויטעטן וואס איר האט גענומען אונטער אייערע ציווילע רעכטן.

9. איר האט די רעכט זיך צו ווענדן פאר הילף אויב איר טראכט אז איר זענט אריבער דיסקרימינאציע אין MRAP אדער אויב איר טראכט אז אייער פאל איז באהאנדלט געווארן נישט ווי עס דארף צו זיין צוליב א געוויסע פארעם פון דיסקרימינאציע — דורך זיך פארבינדן מיט די OTDA ביורא פון פליטים סערוויסעס (Bureau of Refugee Services) אויף 518-402-3096 אדער MRAP@otda.ny.gov.

10. איר האט די רעכט צו אויפהערן אייער באטייליגונג אין MRAP אין יעדע צייט. אויב איר הערט אויף אייער באטייליגונג אין דעם פראגראם, וועלן אלע MRAP סערוויסעס און פינאנציעלע הילף זיך אויך אויפהערן אין דעם צייט.

## פאראנטווארטליכקייטן פון MRAP באטייליגטע

1. איר פארשטייט אז בעפארן זיך אריבערציען, אויב איר באשלוסט אז איר ווילט מער נישט זיך באטייליגן אין MRAP, מוזט איר זאפארט איינמעלדן די OTDA אדער DHS סערוויס פּראָווײדער.

2. **איר זענט פאראנטווארטליך זיך צו דורכרעדן מיט א לעגאלער פראפעסיאנאל – אליין אדער דורכן געשיקט ווערן דורך די OTDA אדער DHS סערוויס פּראָווײדער, אויב שייך – איבער די השפעה וואס דאס זיך אריבערציהען וועט מעגליך האבן אויף אייער אימיגראציע קעיס און/אדער איבער סיי וועלכע אנדערע לעגאלע אנגעלעגנהייטן, און צו אנהויבן אדער פארזעצן דעם פראצעדור פון סטאבילידירן אייער אימיגראציע סטאטוס אויב נויטיג. איר זענט פאראנטווארטליך צו פארשטיין סיי וועלכע השפעות וואס דאס זיך אריבערציהען קען האבן אויף אייער אימיגראציע קעיס אדער אויף אנדערע לעגאלע אנגעלעגנהייטן. טייל פון די זאכן וואס קענען האבן א השפעה אויף אייער אימיגראציע קעיס רעכענען אריין, צווישן אנדערע, נישט אריינגעבן א בויגן איבער א טויש אין אדרעס אדער דאס דארפן פארלאנגען צו טוישן די געריכט וואס וועט אויסהערן אייער אימיגראציע קעיס. איר פארשטייט אז זיך דורכרעדן מיט א לעגאלער פראפעסיאנאל בעפארן זיך אריבערציהען כדי צו פארשטיין סיי**

**וועלכע השפעות וואס דאס זיך אריבערציהען קען האבן אויף אייער אימיגראציע קעיס איז שטארק רעקאמענדירט.** אויב איר ווילט צוריקווייזן א געלעגנהייט זיך דורכצורעדן מיט א לעגאלער פראפעסיאנאל, דאן זענט איר פאראנטווארטליך צו איינמעלדן די OTDA אדער DHS סערוויס פּראָווײַדער דעריבער.

3. נאכן זיך אריבערציהען, זענט איר פאראנטווארטליך צו איינמעלדן פעדעראלע אויטאריטעטן איבער די טויש אין אייער אדרעס, אריינרעכענענדיג – צווישן אנדערע – די היימלאנד זיכערהייט דעפארטמענט (Department of Homeland Security), די אימיגראציע און קאסטומס אינפארסירונג (Immigrations & Customs Enforcement), די USCIS און די עקזעקיוטיוו אפיס פון אימיגראציע איבערזיכט (Executive Office of Immigration Review, EOIR).

4. נאכן זיך אריבערציהען זענט איר פאראנטווארטליך צו ארבעטן מיט א לעגאלע סערוויס פּראָווײַדער צו אנהויבן אדער פארזעצן דעם פראצעדור פון סטאביליזירן אייער אימיגראציע סטאטוס, אויב נויטיג.

5. איר זענט פאראנטווארטליך צו אויספאלגן USCIS און EOIR פאדערונגען, כללים און פאראדנונגען, און אויב נויטיג צו אריינגעבן אלע פארלאנגטע בויגנס און אראפגיין צו אלע אפּוינטמענטס אין געהערן כדי צו היטן אויף- אדער סטאביליזירן אייער אימיגראציע סטאטוס.

6. איר פארשטייט אז MRAP סערוויסעס און פינאנציעלע הילף וועלן זיך אפשטעלן נאך 12 חודשים, חוץ אויב אן אויסנאם ווערט געמאכט, און אז נאך 12 חודשים וועט אייער הויזגעזונד דארפן האבן אן אוועקגעשטעלטע פלאן וויאזוי זיך צו אויסהאלטן אן הילף פון MRAP.

7. איר זענט פאראנטווארטליך צו אריינגעבן באווייזן פון געוויסע זאכן כדי צו ווערן איינגעשריבן אין- און באקומען MRAP סערוויסעס און הילף. די אינפארמאציע און דאקומענטן וואס איר גיבט איבער מוזן זיין אמת'דיג און אקוראט. איר וועט מעגליך געבעטן ווערן דורך די MRAP סערוויס פּראָווײַדער און/אדער אנדערע פובליק בענעפיטן-פארטיילנדע אגענטורן צו פארשטעלן א באוויז פון:

- אידענטיטעט
- עלטער
- אדרעס
- וואוינונג אראנזשירונגען
- שעלטער/רענט אויסגאבן
- סאָושעל סעקיוריטי נומער
- בירגערשאפט אדער אימיגראציע סטאטוס
- פארדינטע איינקונפט (אוירנד אינקאָם)
- אומפארדינטע איינקונפט
- פינאנציעלע אדער אנדערע מיטלען
- גייען אין שולע פאר די וועלכע גייען אין שולע
- העלט אינשורענס
- אומבאצאלטע רענט אדער יוטיליטיס
- באצאלטע אדער אומבאצאלטע מעדיצינישע בילס
- אויב איר זענט אנגעוויזן אויף דראגס\אלקאהאל
- דיסאביליטי, זיין אן אינוואליד אדער טראגעדיג
- אנדערע אויסגאבן/קעיר פאר א קינד אדער אנדערער אנגעוויזענער מענטש

8. איר זענט פאראנטווארטליך צו באריכטן ענדערונגען צו די באדערפענישן, איינקונפט, באשעפטיגונג, העלט אינשורענס, פאמיליע מיטגלידער, וואוינונג אראנזשירונגען, אדרעס, אימיגראציע סטאטוס, געזונטהייט אומשטענדן אדער אנדערע מצבים פאר די MRAP סערוויס פּראָווײַדער ווי שנעל עס איז נאר מעגליך.

9. איר זענט פאראנטווארטליך צו אראפגיין צו אלע אפּוינטמענטס מיט די MRAP סערוויס פּראָווײַדער אדער צו באשטימען אן אנדערע צייט פאר די אפּוינטמענטס, און איר זענט פאראנטווארטליך צו ענטפערן אויף אלע אנפראגעס און קאמיוניקאציעס פון די MRAP סערוויס פּראָווײַדער אויף א צייטליכן אופן.

10. אויב איר ווערט פאראדנט אזוי דורך די MRAP סערוויס פּראָווײַדער זענט איר פאראנטווארטליך זיך צו באטייליגן אין אקטיוויטעטן וועלכע וועלן אייך העלפן באקומען און אנהאלטן א דזשאב.

11. אויב איר אדער סיי וועלכע ערוואקסענע אין אייער הויזגעזונד זענען נאכנישט אויטאריזירט צו ארבעטן אין די פאראייניגטע שטאטן, מוזט איר קאאפערירן מיט די סערוויס פּראָווײַדער און/אדער מיט א לעגאלע סערוויסעס פּראָווײַדער אויף אלע שריט וואס זענען נויטיג צו אפלייען פאר ארבעט אויטאריזאציע.

12. אויב איר זענט אויטאריזירט און אומשטאנד צו ארבעטן, זענט איר געפאדערט צו ארבעטן מיט די MRAP סערוויס פּראָווײַדער זיך צו פארשאפן א געזעצליכע דזשאב וואס איר קענט טוהן.

13. אויב איר זענט אויטאריזירט און אומשטאנד צו ארבעטן, דאן איינמאל איר פארשאפט זיך א געזעצליכע און פאסיגע דזשאב — זענט איר פאראנטווארטליך צו אליין ביישטייערן צו אייער פאמיליע'ס האוזינג און הויזגעזונד אויסגאבן. די סומע וויפיל איר דארפט אליין ביישטייערן וועט פונדאסנייי באטראכט ווערן יעדע 90 טעג לויט אייערע איינקונפט און אויסגאבן.

14. איר וועט מעגליך זיין פאראנטווארטליך צו אונטערשרייבן די ליעס פון אייער אפארטמענט און זיין פאראנטווארטליך פאר די באדינגונגען פון די ליעס, אריינרעכענענדיג דאס זיין פינאנציעל אחריות'דיג דורכאויס די דויערונג פון די ליעס.

15. בשעת איר באטייליגט זיך אין MRAP, וועט דאס זיך ארויסציהען פון די צוגעשטעלטע הויז און דאס קאארדינירן מיט די MRAP סערוויס פּראָווײַדער קענען פירן דערצו אז אייער באטייליגונג אין דעם פראגראם זאל אפגעשטעלט ווערן, אריינרעכענענדיג די אויפהער פון פינאנציעלע הילף צו העלפן באצאלן סיי וועלכע איבעריגע חודשים פון די ליעס.